# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:32
מוצאי שב"ק....................7:04

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................יחזקאל י"ד-ט"ו
בבלי.........................חגיגה כ"ד
ירושלמי............בבא קמא מ"ג
תוספתא...............קרבנות י"ב
רמב"ם............טומאת מת כ"ד

פרשת פקודי, ב' אדר ב', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 27 (542)


## אַ וָואְרט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי עֲנַן ה' עַל הַמִּשְׁכָּן יוֹמָם וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ לְעֵינֵי כָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מַסְעֵיהֶם, אַ וָואלְקְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶערוּעְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק**, זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער **וּמֹשֶׁה**, דָאס אִיז דֶער דַעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, **נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל**, גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְּל, וַוייל עֶר וֵוייסְט, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט, וָואס מִיט דֶעם קֶען אַ אִיד זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן פוּן צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. אֲפִילוּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַלֶע סָארְטְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, קֶען עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס אִים גֵיין שְׁוֶוער, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן, עֶס אִיז נָאר אַ נֶעפְּל, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים מְקָרֵב זַיין, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי טוּנְקֶעלֶע נֶעפְּל, וֶועט עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס קֶען זַיין מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה, **כִּי עֲנַן ה' עַל הַמִּשְׁכָּן**, דֶער מִשְׁכָּן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער פְּלַאץ וואוּ דִי שְׁכִינָה הָאט גֶערוּעְט, פוּן דָארְט הָאט אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ וָואלְקְן אִיבֶּער דֶעם, וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס אַלְץ, אֵיידֶער מֶען ווִיל אָנְקוּמֶען צוּ הֵיילִיגֶע אוּן גוּטֶע זַאכְן, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין אַ טוּנְקֶעלֶע וָואלְקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז, **וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ**, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נַאכְט אוּן טוּנְקֶל, בְּרֶענְט אָבֶּער דָאס פֵייעֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעוֵוייניג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי מְנִיעוֹת, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, **לְעֵינֵי כָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מַסְעֵיהֶם**, סַיי וואוּ אַ אִיד פָארְט נָאר, סַיי וֶועלְכֶע וֶועג עֶר אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען בִּיז יֶעצְט, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג פַאר אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל פְּקוּדֵי תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹ"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵּיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אַדֶר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְשָׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס ווִיל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל עֶר אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעווִיסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט "אָדָר"; דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא
<<<<<<

## א גוט ווארט

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער תִּיקוּן אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ זָאגְן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ - דָאךְ קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער צוּ טוּן; דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט צוּ טוּן - וֶועט שׁוֹין זַיין אוֹיף דֶעם אַ מְנִיעָה".

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט צְווִישְׁן סַאטְמַארֶע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל אַרַיינְדְרוּקְן אִין דֶער תְּהִילִים וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, בַּיים עֶרְשְׁטְן בְּלַאט: "סְגוּלָה גְדוֹלָה וְתִיקוּן הַבְּרִית לוֹמַר אֵלוּ עֲשָׂרָה קַאפִּיטְל תְּהִילִים ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ", אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה אוּן אַ תִּיקוּן הַבְּרִית צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי יֶעדְן טָאג, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן וֶועט אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# רוּסְלַאנְד-אוּקְרֵיינָא, וֶוער וֶועט גֶעוִוינֶען?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה; אִיךְ וִוינְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ מִיט שִׂמְחָה וְנַחַת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי בְּלוּטִיגֶע לֶענְדֶער; בַּאלְד וֶועסְטוּ פַּארְגֶעסְן פוּן דַיין אֵייגֶענֶע מִלְחָמָה. אַנְשְׁטָאט זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן אִין דִי נַייעֶס וָואס דָארְט טוּט זִיךְ - זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין שְׁטַארְק אִין דַיין מִלְחָמָה, אִין דִי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר. הֵייבּ אוֹיף דַיין שְׁוֶוערְד, הֵייבּ אָן שִׁיסְן; עֶפְן דַיין מוֹיל, הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) דִי אִידִישֶׁע גֶעוֶוער אִיז תְּפִילָה, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִילָה, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוערְד גְלַייךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וּמִי שֶׁזָּכָה לַחֶרֶב הַזֶּה", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן דֶעם גֶעוֶוער, "צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לִלְחֹם עִם הַחֶרֶב", דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ נוּצְן דֶעם גֶעוֶוער, "שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל", עֶר זָאל נִישְׁט בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, נָאר דָאס הַאלְטְן גְרָאד אִינְמִיטְן; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אַ גֶעוֶוער אִין זַיין הַאנְט דַארְף עֶר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן דֶערְמִיט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִילָה דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ נוּצְן, עֶס דַארְף גֵיין פוּן בֵּיידֶע זַייטְן; קוֹדֶם דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען בַּאקוּמְט הָאפֶענוּנְג.

בְּנוֹגֵעַ וֶוער עֶס וֶועט גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה; אַלֶע פְרֶעגְן וָואס גֵייט זַיין? עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מִיר וֶועלְן גֶעוִוינֶען, אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶועלְן מִיר מְנַצֵּחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, "יִטַּע בָּהֶן אָדָר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

### בִּין אִיךְ טַאקֶע פְרֵיילִיךְ?

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פוּל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד; מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח; קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, וִויל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

### תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי וִוי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵּן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת; דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָּם ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פּוּנְקְט גֶעשֶׁעְן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, ווִיפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, "וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם", הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין; בַּיי דִי אִידְן אָבֶּער, וֶוען זֵיי טוּעֶן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶען אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אָבֶּער דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנּוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

### דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם [עֶרְנְסְט]; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַבִּיסְל פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, צוּ הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסַארְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְווֵייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. >>>>>

>>>>>> מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז' ח' י' י"ג)

>>>>>> נייעס

וואס אנשי שלומינו האבן צום "רענט קאמפיין", עס איז זעלטן צו טרעפן אזא וויכטיגע צוועק וואס נעמט אריין אין זיך אזויפיל זכותים.

מיט'ן שטיצן דעם "רענט קאמפיין", האט מען א גלייכער טייל אין די אלע געוואלדיגע זכותים, און גלייכצייטיג העלפט מען די "רענט קאמפיין" זיך צו קענען רוקן ווייטער צו העכערע שטאפלען, ילכו מחיל אל חיל, אראפצונעמען נאך פינאנציעלע התחייבות'ן פונעם ראש ישיבה שליט"א, און אים געבן נאך מער הרחבת הדעת.

עס איז ערווארטעט א שיינע רייכע אינטערעסאנטע פראגראם ביים מלוה מלכה פון וואס דער עולם וועט זייער הנאה האבן, ווי אויך וועט מען אויסגעטיילן מתנות פאר אלע נדבנים.

עס וועט זיין צוגעשטעלט באסעס פון קרית ברסלב ליבערטי, צו קענען אריינקומען מיטהאלטן דעם שיינעם מלוה מלכה.

**חלק כחלק יאכלו!**

***

# לעצטע צוגרייטונגען צום שבת התוועדות "סיום סדר מועד", קומענדיגע וואך

פיבערהאפטיגע הכנות גייען אן צום גרויסן שבת קודש, שבת סיום סדר מועד על סדר הש"ס, די קומענדיגע וואך שב"ק ויקרא, שבת זכור, וואס וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר אינעם פראכטפולן מלכות'דיגן "ארמון האטעל" אין סטעמפארד קאנעטיקוט.

ווי די עסקנים געבן איבער, פילן זיך אן די רעזערוואציעס מער און מער מיט יעדן דורכגייענדן טאג, אז מען וויל נישט זיין קיין צועק לשעבר, מוז מען שוין יעצט באשטעלן א צימער, ווייל ווי זאכן גייען וועלן זיך אלע צימערן שוין זיין אנגעפילט גאר שנעל, און עס וועט נישט מעגליך זיין צוצושטעלן א צימער אפילו מיטן בעסטן ווילן.

גלייכצייטיג בעט מען אלע אנשי שלומינו, אפילו די וועלכע האבן שוין באשטעלט און באצאלט פאר זייערע צימערן, זיי זאלן נאכאמאל אריינרופן און זיכער מאכן אז זייערע רעזערוואציעס זענען מסודר, אויך די רעזערוואציעס פאר די קינדער, ווייל טייל באשטעלונגען זענען ארויסגעפאלן פונעם סיסטעם. רופט שוין אריין צו 347-415-2888. מיר האבן דאס יאר ספעציעל צוגעשטעלט א ביליגערע פרייז פאר קינדער.

די קומענדיגע וואך וועט מען אנהויבן אויסטיילן די איינטריט קארטלעך, וואס נאר מיט דעם וועט מען קענען אריינקומען אין האטעל. עס וועט זיין צו באקומען אין ברוקלין ביי ר' ליפא שווארץ, אין ברסלב ליבערטי ביי ר' משולם פינטער, אין מאנסי ביי ר' אלי קנאלל, אין קרית יואל ביי ר' יואל טייטלבוים, אדער קען מען אריינרופן דעם אויבנדערמאנטן נומער.

נאך געציילטע צימערן פארבליבן, כאפט אריין ווי לאנג עס איז נאך דא, רופט 347-415-2888 צו רעזערווירן.

**מעין עולם הבא יום שבת מנוחה!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי אִיז מֶען רוּאִיג אִין מִלְחָמָה צַייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אַ בַּארוּאִיגוּנְג, אִיךְ צִיטֶער אוּן אִיךְ וַוארְף זִיךְ פַאר שְׁרֶעק, אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶסְן, אִיךְ פַּאנִיק שְׁרֶעקְלִיךְ, אִיךְ הֶער שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמוּעוֹת פוּן רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרֵיינֶע, מֶען הָאט הַיינְט גֶעהֶערְט אַז רוּסְלַאנְד הָאט אִינְוַואדִירְט אוּקְרֵיינֶע אוּן עֶס פַאלְן בָּאמְבֶּעס אִיבֶּער גַאנְץ אוּקְרֵיינֶע.

וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פוּן לַאנְג אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ הֶערְן נֵייעֶס, אָבֶּער עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט גֶענְצְלִיךְ פַארְמַיידְן, אִיךְ קוּם אִין שׁוּל אוּן אִיךְ הֶער דִי נֵייעֶס, אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן דִי נֵייעֶס, דִי פְּחָדִים רוֹיבְּן מִיר צוּ מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הֶער שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ פָּאלְג אַלֶעס, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶס קוּמְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נֵייעֶס נֶעמְט עֶס מִיר זֵייעֶר אִיבֶּער, אִיךְ לוֹיף אוּן אִיךְ שְׁרֵיי צָם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַיינֶע נֶערְוְון טוּעֶן וֵויי, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, הִיט מִיךְ, אִיךְ בִּין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה, סְ'שָׁאקְלְט אִין מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל וָואס אִיךְ טְרַאכְט וָואס עֶס גֵייט זַיין חַס וְשָׁלוֹם".

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בֵּייז וֶוען מְ'הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי גְזֵירוֹת וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶס זִיכֶער נִישְׁט טוּן צוּ אוּנְז. וָואס טוּ אִיךְ? וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה? עֶס וֶוערְט עֶרְגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס אִיז פִיל עֶרְגֶער פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, אַבִּיסְל הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִסְּתָם וֶועט דִי מִלְחָמָה נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה גֵייט עֶס יָא פִיל וַוייטֶער.

אֶפְשָׁר זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן אַ תְּפִילָה אוֹיף דֶעם? בַּיי קָארָאנָא הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעפַּאנִיקְט, אָבֶּער אִיךְ פִיל וִוי דִי אַלֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן הֲכָנָה צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע. אִיךְ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. רֹאשׁ יְשִׁיבָה, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ שְׁטַארְבּ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; גֵיי מִיט דִי מַחְשָׁבָה - וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע שְׁרֶעק. וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק קוּמֶען פוּן דִמְיוֹנוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס טְרַאכְט, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס רוֹדְפְ'ט זִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק יד, הֲלָכָה ג) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ז, טו): "וְהֵסִיר ה' מִמְּךָ כָּל חֹלִי - זֶה רַעֲיוֹן", דָאס מֵיינְט מֶען דִי גֶעדַאנְקֶען, אַזוֹי וִוי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דברים כח, מח): "וְנָתַן עֹל בַּרְזֶל עַל צַוָּארֶךָ - זֶה הָרַעֲיוֹן", וָואס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ, דִי שְׁוֶוערְסְטֶע יָאךְ? דִי דִמְיוֹנוֹת, דִי גֶעדַאנְקֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיס; בִּפְרַט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעצוֹיגְן, דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וְכוּ' 'מֶען וֶועט מִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען', 'אִיךְ גֵיי שְׁטַארְבְּן', 'מֶען גֵייט מִיךְ שִׁיסְן'; בֶּאֱמֶת אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס זַיין גְרֶעסְטֶע פַּיינְט, קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט, עֶס אִיז נָאר דִי אֵייגֶענֶע מַחְשָׁבוֹת; וַוייל וֶוער עֶס טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

חַזֵר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן כה): "כְּשֶׁשּׁוֹכְחִים אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם נִשְׁעָנִים עָלָיו, עַל יְדֵי זֶה מִתְפַּחֲדִים מֵאֻמּוֹת", וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פֶעלְקֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶוערְט עֶר נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

# אַ לֶעבְּן אָן מַחְלוֹקֶת

דוּ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל אִיר, וִוי שַׁיין מֶען רֶעדְט פוּן אִיר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן וִוי שְׁטַארְק זִי בֶּענְקְט צוּ זֵיי אוּן וִוי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט קוּמֶען, זַיין נָאנְט - בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שָׁלוֹם, עֶר הָאט גֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען צֶערִיסְן אוּן צֶעטֵיילְט אוּן מִיט חָכְמָה גֶעמַאכְט שָׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "יֶענֶער הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר ווִיל צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ", אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן צְוֵוייטְן - בִּיז וֶוען דִי צְוֵויי הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעטְרָאפְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווייטְן, זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם.

וֶוען עֶס אִיז דָא אַ רַייבֶּערַיי צְווִישְׁן דַיין וַוייבּ אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער דִי וַוייבּ מִיטְ'ן מַאן'ס עֶלְטֶערְן - אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן צוּ זַיין אַ לִיגְנֶער, אַבִּי עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם. מֶען זָאגְט פַאר דִי וַוייבּ: "מַיין מַאמֶע הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ", "מַיין טַאטֶע הָאט מִיר פּוּנְקְט גֶעזָאגְט אַז דִי בֶּעסְטֶע שְׁנוּר בִּיסְטוּ", אָדֶער "דַיין מַאמֶע אִיז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי", "דַיין טַאטֶע אִיז אַזַא נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ"; נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף צוּרִיק, בִּיז עֶס וֶוערְט שָׁלוֹם.

גְלֵייבּ מִיר, מִיט אַבִּיסֶעלֶע שֵׂכֶל קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן אָן קַיין מַחְלוֹקֶת, אָן קַיין קְרִיגֶערַייעֶן, אָן קַיין עֶסֶענִישׁ; אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ יֶעדֶער אִיז גֶערֶעכְט, אוּן דָאס לֶעבְּן גֵייט פַארְבֵּיי מִיט מַחְלוֹקֶת; מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיז זִיס, מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיז גוּט. לָאמִיר זִינְגֶען: "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים - וִוי זִיס אִיז - גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר וֵוייסְן וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט אָן וֵוייטָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מען חזר'ט אמונה, אין צייט פון מלחמה אין אוקריינא

אין ליכט פון די מלחמה וואס רוסלאנד פירט יעצט דורך אין אוקריינא, אין א צייט ווען פילע אידן איבער די וועלט זענען באזארגט און דערשראקן איבער די נאכפאלגן וואס אזא מלחמה קען ברענגען, איז דער ראש ישיבה שליט"א שטארק מעורר אז יעצט איז די צייט צו חזר'ן אסאך אמונה, וויסן און גלייבן אז גארנישט פאסירט פון זיך אליין, אלעס און יעדער איז נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט, און מיט דעם גייט אוועק אלע פחדים און שרעק. ווען מען נעמט גוט אריין אין קאפ די הייליגע אמונה, ווייסט מען אז די איינציגסטע אדרעס וואו זיך צו ווענדן איז נאר צום אייבערשטן אליין, מיר דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז קיין שום איד זאל נישט געשעדיגט ווערן, עס זאל נאר שלום אויף דער וועלט, און גלייכצייטיג בעטן מיר דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען פארן אויף ראש השנה קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן, אן קיין שום שטער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט די וואך ארויסגעגעבן א ספעציעלער ניגון אויף די מלחמה, צו חזר'ן און געדענקען אז די איינציגסטע עצה פאר יעדע זאך איז נאר אמונה און תפלה, מען קען הערן דעם ניגון אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין [זעט די נומערן אינעם קעסטלביים סוף פונעם גליון] דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, 5 פאר היכל נגינה, און 5 פאר איינצעלנע ניגונים.

פאלגענד זענען די ווערטער פונעם ניגון: **ס'פאלן באמבעס, מ'זעט חורבנות, מ'שלאגט זיך, און מ'שיסט, אין אוקריינע; מענטשן דערשראקן, משפחות אנטלאפן, א גאנצע נאכט, בין איך אויף, איך הייב אן וויינען.**

**אלעס איז טונקל, איך זיץ אין מיין ווינקל, און איך טראכט, מיט פארדאכט, עס קומט א גרויסע קראך; ס'קומט אן אטאם, ס'סטאפט זיך מיין אטעם, איך ווער נערוועז, און צוקאכט, איך כאפ א נערוועזן בראך.**

**פוטין געבט מכות, ערנסטע אטאקעס, איך בין באזארגט, וואס איז דארט, אין קיעוו עירפארט; איך האב נישט קיין מנוחה, איך גיי מאכן א בריחה, אין א הייל, אפגעטיילט, פון די גאנצע וועלט.**

**ביטער איז די נייעס, ס'קריגן זיך די דעות, וואס צו טון, מיט רוסלאנד, יעדער איז באקאנט; ווארקע בויאקאטירן, מער נישט אימפארטירן, רוסישע פראדוקציע גייט מען פרירן.**

**פזמון: דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער איז דא, זאג אים אויס דיין גאנצע שרעק, גייט אלעס אוועק; נישטא וואו צו גיין, נאר צו אים אליין, זאג אים אויס דיין גאנצע שרעק, גייט אלעס אוועק.**

אין א בריוו צו אנשי שלומינו די וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "איך בעט דיר זייער, ווער נישט אזוי אריינגעטון אין די מלחמה צווישן די צוויי בלוטיגע לענדער; באלד וועסטו פארגעסן פון דיין אייגענע מלחמה. אנשטאט זוכן און נישטערן אין די נייעס וואס דארט טוט זיך - זאלסטו שטיין שטארק אין דיין מלחמה, אין די מלחמת היצר. הייב אויף דיין שווערד, הייב אן שיסן; עפן דיין מויל, הויב אן רעדן צום אייבערשטן", און דער ראש ישיבה ענדיגט צו דעם בריוו, "בנוגע ווער עס וועט געווינען די מלחמה; אלע פרעגן וואס גייט זיין? עס זעט אויס ווי מיר וועלן געווינען, אז מיר וועלן פאלגן די עצות פון רבי'ן - וועלן מיר מנצח זיין".

**אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר!**

***

## מסיבת הכרת הטוב "רענט קאמפיין" דעם מוצש"ק

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך, וועט דעם מוצש"ק פקודי פארקומען אי"ה די יערליכע מסיבת הכרת הטוב פונעם "רענט קאמפיין", ארויסצוברענגען דעם הכרת הטוב פאר אנשי שלומינו וואס שטרענגען זיך אן אין לויף פונעם גאנצן יאר צו העלפן צאלן די רענט פאר די בניני המוסדות.

אנשי שלומינו האבן גאר א שטארקע געפיל צום "רענט קאמפיין", יעדער שטרענגט זיך אן יעדן חודש איבער די כוחות אנטייל צו נעמען אין די וויכטיגע צדקה, דאס איז צוליב דעם וואס דער "רענט קאמפיין" פארקערפערט אין זיך פילצאליגע הייליגע וויכטיגע צוועקן אויפאמאל. מיט'ן ארויסהעלפן צאלן די רענט, האט מען א גלייכער טייל אין די פילע הייליגע ארבעט וואס קומען פאר אין די בנינים; דאס רעכנט אריין דעם בית המדרש, ישיבה גדולה, ישיבה קטנה, תלמוד תורה, מיידל סקול, כולל, די באזאר וואו מען קען באקומען גוטע קליידונג פאר גאר ביליג, די "עטרת אפפעל" חתונה זאל וואס שטעלט צו חתונות פאר אומזיסט, די אפיסעס פון קרן הדפסה היכל הקודש וואס פארשפרייטן אמונה איבער די וועלט, ווי אויך קומט פון דארט ארויס די דרשות און שיעורים, בריוו און קונטרסים, וואס באלייכטן די גאנצע וועלט און ברענגען צוריק אזויפיל אידן צום אייבערשטן, און נאך פיל. דאס דערקענט זיך אין די שטארקע געפיל

<<<<<<

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

## סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

## ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**

**למזל טוב, א מיידל, ביי בנו בכורו**

מו"ה **שלמה רוטה** שליט"א

חתן מו"ה **יואל טייטלבוים** שליט"א

**גבאי היכל הקודש קרית יואל, שכונת עצי תמרים**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

# זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק** בן **פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# פורים אפטיילונג

מגילת אסתר פארגעלערנט, שיעורים אויף פורים, מעשיות פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים'דיגס, און נאך

## קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**